Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Der neyer "Seyfer ha-drosheś"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheś

Sefer Shemot - parashah Shemot

**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**

**Iaşi, 1939**

Vorwort

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4461**

Visual Library

ב״ה

## במקום הקדמה.

מיט שווערע מיה איז מיר געלונגען בע״ה צו ענדיגען מיין „ספר הדרשות“ אויף ספר בראשית און אנהויבען ספר שמות, ווי אמת איז דער מאמר החכם: אין לך דבר שעומד בפני הרצון *) מיין שטארקער רצון ארויסצוגעבען דעם „ספר הדרשות“ אויף תורה האט גובר געווען אלע שווערינקייטען וואס האבען געזאלט שטערען מיין ארבעט.

וועגען די וויכטיגקייט פון מיין "ספר הדרשות" האבען ארויס גע-זאגט זייערע מיינונגען: הגאון מהר״יל צירלסאהן־קישנוב, הגאון ר׳ משולם ראהט־טשערנאוויץ, הגאון בורשטיין באטושאן הגאון ווערטהיים-טיגינע, הגאון ר״י ראכער־איזמאיל און נאך אנדערע פערזענליכקייטען, וועמענס הסכמות יעדער קען זעהען אין אנהויב יעדען העפט פון ספר בראשית׳ די בעסטע הסכמה איז אבער דער „דעת הקהל“ די עפענטליכע מיינונג וועלכע האט באגעגענט מיין „ספר הדרשות“ מיט גרויס צופרידענהייט, אהן מודעות אהן רעשענדיקע רעקלאמעס, אהן פילדירען און שרייען און די צייטונ־גען. אזוי ווי אנדערע מחברים טוען, האט מיין „ספר הדרשות“ געפונ־נען דעם ריכטיגען וועג ווי ארום אריין צו קומען אין די הייזער פון הונדערטער אידען וועלכע לעכצען נאך א אמת אידיש ווארט, צו שטארקען און טרייסטען זייערע אבגעשוואכטע און פארחלש׳טע נשמות מיט א מאמר ח״זל און מיט א שעהנעם אידישען רעיון, איך וויל דא־ריבער האפען אז די אלע וועלכע האבען זיך פערשאפט דעם ספר בראשית פון מיין „ספר הדרשית“ וועלען זוכען זיך צו פערשאפען אויך דעם ספר שמות וועלכען איך האב איצט אנגעהויבען ארויס צו געבען, ווי אויך אלע חלקים אויף תורה וועלכע איך האף צו הש״ית ארויסצוגעבען.

המחבר.

---

*) „אין לך דבר שעומד בפני הרצון“ המאמר הזה לא מצאתי בר״זל אבל מצאתיו בספר נובלות חכמה בשם מאמר החכם ופירשו, אין לך דבר שעומד בפני הרצון, כלומר רצון הבורא, ומאמר דומה לזה יש בהקדמת הספר הנ״ל אין לך דבר שעומד בפני הזמן.